ב"ה

# טעראפּי

גליון 83

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי מאכט מען די קינדער זאלן מסכים זיין צו ביליגע שמחות?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מיר גייען אי"ה בר מצוה מאכן בקרוב, און מיר גרייטן זיך צו מאכן בלויז א קידוש שבת אין שול, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א איז שטענדיג מעורר אז ס'איז נישט כדאי צו ארויסווארפן אזויפיל געלט אויף די עטליכע שעה פון די שמחה, ובפרט אז מ'האט נישט פון וואו דאס צו באצאלן.*

*דער פראבלעם איז אבער אז מיין זון, דער בר מצוה בחור, איז זייער נישט צופרידן דערפון. וויפיל מיר האבן פרובירט אים מסביר צו זיין די גרויסע זכות צו מאכן א ביליגע שמחה און נישט אריינפאלן אין חובות, וויל ער דאס נישט פארשטיין, און אויך האט ער מורא פון זיין חברים וואס לאכן פון אים אז ער גייט נישט האבן א נארמאלע בר מצוה אין א זאל אזוי ווי יעדער איינער.*

*איך בין זיכער אז אויב וועט ער באקומען א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א מיט חיזוק אויף דעם ענין, וועט דאס אים געבן די כוחות עס יא צו טון.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת שמות, י"ח טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### מען לעבט נישט ווייל יענער לעבט

אלעס ווענדט זיך אינעם חינוך וואס מען געבט פאר די קינדער; קינדער וואס וואקסן אויף געזונט, אז יעדע זאך וואס מען 'דארף' האבן קויפט מען און יעדע זאך וואס מען 'וויל' האבן - ווייל יענער האט דאס - קויפט מען נישט, אזוי אויך קינדער וואס וואקסן אויף מיט אן אמת'ע לעבן וואס מען לעבט פאר זיך, מען לעבט נישט ווייל יענער לעבט, דעמאלט ווען עס קומט צו פראווען זייערע שמחות, ווי א בר מצוה, חתונה וכדומה, וועלן זיי נישט בעטן פון די עלטערן צו מאכן טייערע שמחות צוליב וואס 'יענער' מאכט אזוי און אזוי, נאר זיי וועלן זיין פרייליך מיט די שמחה אליינס און פארשטיין אז טאטע מאמע האבן נישט וכו'.

### נישט יעדע זאך וואס מען 'וויל' באקומט מען

געלויבט דעם אייבערשטן אז ביי אונז אינעם מוסד אין וויליאמסבורג איז מען מחנך די קינדער צו לעבן פאר זיך און נישט קוקן אויף יענעם; מען לייגט א שטארקע דגוש אויף דעם - בעיקר ביי די מיידלעך - אז נישט יעדע זאך וואס מען 'וויל' באקומט מען. מען לערנט זיי אויס דעם חילוק פון א זאך וואס מען 'דארף' און א זאך וואס מען 'וויל'.

### א נייע טאש (בריעפקעי"ס)

איך כאפ אן א דוגמא, ווען עס קומט אנהייב יאר, די צייט ווען מען דארף זיך אנגרייטן פארן קומענדיגן יאר שולע, אויב קען מען נאך נוצן די טאש פון פאריאר 'דארף' מען נישט קויפן א נייע; עס קען זיין צומאל אז מען 'וויל' א נייע, ווייל יעדער מענטש 'וויל' נייע און שיינע זאכן וכו', אבער מען איז מסביר אין שולע פאר די קינדער אז א נייע טאש קאסט פאר די עלטערן געלט. מען לערנט מיט זיי אז זאכן קאסטן געלט און מען קען נישט מוטשען די טאטע מאמע און בלאזן, סטראשענדיג אז מען גייט נישט אין שולע ביז מען באקומט א נייע, אפילו עס רעדט זיך דא פון קליין געלט, אבער אז מען איז מחנך די קינדער אויף דעם וועלן זיי דאס פארשטיין ווען עס קומט זייער צייט חתונה צו האבן אדער בר מצוה האבן און זיי וועלן גיין צו די שמחה פרייליך און צופרידן.

### רעדן מיט די קינדער אסאך דיבורים פון אמונה

דעריבער אז דו דארפסט אן עצה ווי אזוי דו קענסט אריין ברענגען ביי דיינע קינדער ביליגע שמחות וכדומה, זאלסטו רעדן מיט דיינע קינדער אסאך דיבורים פון אמונה. ביי די שבת'דיגע סעודות זאלסטו אסאך רעדן פון דאס גרויסקייט פון לעבן מיטן אייבערשטן, דערציייל זיי די מעשה פונעם 'בעל תפילה' וואס דער הייליגער רבי האט אונז דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה יב), ווי דער בעל תפילה פלעגט זאגן פארן אלעמען: **"עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, וואס דער גיבור האט געזאגט פארן בעל תפילה: **"אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוות קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן"**, און וואס דער בעל תפילה האט געזאגט: **"נָאךְ אַלְץ וִוילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן"**.

אז דו וואוינסט אין ארץ ישראל זאלסטו פארן קיין יבנאל מיט דיינע קינדער און זען דאס בית המדרש וואס מוהרא"ש האט

געבויט, זאלסט געבן א קוק וואס שטייט ביים ארייננאנג צום בית המדרש; מוהרא"ש האט געשריבן אויפן טיר פונעם בית המדרש די ווערטער: "הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אין אידיש: "דער בעל תפילה האט געזאגט: נאך אלץ ווילט איר געלט? פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט שמועסן".

יעדעס מאל ווען איך בין זוכה צו זיין אין יבנאל גיי איך נאכאמאל צום גרויסן בית המדרש נאר צו זען דעם טאוול; דאס ברענגט יעדעס מאל אריין אין מיר א שטארקע התעוררות, זעענדיג ווי מוהרא"ש האט געלעבט מיטן אייבערשטן און ווי שטארק מוהרא"ש האט גענומען דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ופשיטות אן קיין חכמות און אן קיין דריידלעך. ליין איבער דעם בריו נאכאמאל און נאכמאל.

*נאך א וויכטיגע שאלה, זייט איך בין מקורב געווארן צו ברסלב פראביר איך צו דאווענען אלע דריי תפלות ווארט ביי ווארט און אינזין די פירוש המילות מיט געפיל און געשמאק, אבער עס מאכט זיך טעג וואס איך שטיי אויף אן קיין שום געפיל, איך גיי טאקע אין מקוה און איך שטעל זיך דאווענען, אבער קוים וואס איך שלעפ די ווערטער, אן קיין שום געפיל און טעם, און איך האב דאס זייער נישט ליב, אזא סארט דאווענען איז ביי מיר גארנישט ווערד, איך וועל זיך פרייען אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר געבן אן עצה ווי אזוי צו קענען דאווענען אלץ מיט געפיל און חשק און אינזין האבן די ווערטער.*

*יישר כח*

## ווי אזוי קען איך האבן יעדן טאג א געפיל צום דאווענען?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך מוז זיך זייער באדאנקען פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אויף די געוואלדיגע שיעורים און בריוו, אלעס וואס איך לעב ברוחניות ובגשמיות איז נאר אין זכות פונעם ראש ישיבה שליט"א, פון א שגץ וואס זוכט עבירות בין איך געווארן איבערגעדרייט צו א איד וואס וויל זיין נאר גוט און וואויל און ערליך, אמאל האב איך פיינט געהאט דאס דאווענען און היינט שטיי איך אויף פארטאגס און איך לויף אין מקוה און איך לויף צום דאווענען, פון ווען איך בין מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן איז מיין לעבן געווארן אזוי זיס און שיין, עס פלעגט דורכגיין גאנצע טעג וואס איך האב גארנישט געלערנט און היינט לערן איך ברוך ה' יעדן טאג דריי בלאט גמרא, שנים מקרא ואחד תרגום, ח"י פרקים משניות, בית נצחי, און שיעורים אין די הייליגע ספרים עצתו אמונה און אשר בנחל, אויסער די לימודים וואס מען לערנט ביי אונז אין ישיבה.*

*און יעצט נאך מיין לאנגע הקדמה וועל איך צוקומען צו מיין שאלה; זייט מיין בר מצוה האב איך קיינמאל נאכנישט פארפעלט צו דאווענען מיט מנין ביז איין טאג לעצטע וואך, איך בין געגאנגען לערנען און העלפן מיין זיידע ביז שפעט ביינאכט, און ווען איך בין אהיימגעקומען בין איך געווען זייער מיד און ליידער בין איך געגאנגען שלאפן אן דאווענען מעריב, ערשט אינדערפרי נאך שחרית האב איך זיך געכאפט אז איך האב נעכטן פארפאסט א תפלה, און איך האב שוין נישט געקענט משלים זיין די נעכטיגע מעריב, און איך וויל פרעגן ווי אזוי איך קען דאס מתקן זיין?*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בשלח, כ"א שובבי"ם, ז' שבט, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

צוויי וויכטיגע נקודות זאלסטו וויסן. ערשטנס **א מענטש איז נישט קיין מאשין און נישט קיין מלאך;** מען דארף דינען דעם אייבערשטן, דאווענען און לערנען, טון מצוות און מעשים טובים - ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן. **מען דאווענט נישט מיט מנין ווייל מען דאווענט יעדן טאג מיט מנין, און מען לייגט נישט קיין תפילין ווייל מען לייגט יעדן טאג תפילין, מען לייגט תפילין ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, און אז מען האט נעכטן נישט געלייגט קיין תפילין לייגט מען היינט תפילין.** אזוי אויך מיט דאווענען מיט מנין, **מען דאווענט נישט מיט מנין ווייל מען דאווענט יעדן טאג מיט מנין, נאר ווייל דער אייבערשטער זאגט, און אז מען האט נעכטן נישט געדאווענט - דאווענט מען היינט.** מען טאר נישט ווערן צעבראכן פון וואס עס איז געווען, מען דארף זיך שטענדיג באנייען, דינען דעם אייבערשטן.

צווייטנס מען קען נישט ערווארטן צו טון מצוות מיט געפיל, מען דארף דינען דעם אייבערשטן, טון זיין ווילן, טון וואס שטייט אין די תורה - **אפילו אן קיין געפילן.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**קינדער וואס וואקסן אויף געזונט, אז יעדע זאך וואס מען 'דארף' האבן קויפט מען און יעדע זאך וואס מען 'וויל' האבן - ווייל יענער האט דאס - קויפט מען נישט, אזוי אויך קינדער וואס וואקסן אויף מיט אן אמת'ע לעבן וואס מען לעבט פאר זיך, מען לעבט נישט ווייל יענער לעבט, דעמאלט ווען עס קומט צו פראווען זייערע שמחות, ווי א בר מצוה, חתונה וכדומה, וועלן זיי נישט בעטן פון די עלטערן צו מאכן טייערע שמחות צוליב וואס 'יענער' מאכט אזוי און אזוי, נאר זיי וועלן זיין פרייליך מיט די שמחה אליינס.**

צו באקומען די גליון וועכנטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**